# סצענע 1 ג'
# Escena 1 C

## די באָבע וועט העלפֿן
## La bobe ayudará

יאָסל - לאָז מיר דיך העלפֿן... געשמאַק ! רייזל איז אומעטיק ווײַל זי וויל אַ חתן.
גאָלדע - יאָ, זי איז נישט צופֿרידן.
יאָסל - וואָס קענען מיר טאָן ? זייער געשמאַק !
גאָלדע - רייזל וויל אַ חתן, מיר ווילן איר העלפֿן.
מענדל - העלפֿן ? ווי אַזוי ? מיט אַ מאַסקע ?
גאָלדע - שאַ, מענדעלע ! מײַן מאַמע, דײַן באָבע וועט אונדז העלפֿן !
יאָסל - דײַן מאַמע ? ווי אַזוי ? זי האָט אַ חתן פֿאַר רייזעלען ?
מענדל - ניין, זי האָט אַ מאַסקע פֿון לעצטן פּורים !
גאָלדע - גענוג, גענוג !... רייזל וויל אַ חתן, זי דאַרף קענען קאָכן !
מענדל - קאָכן, מײַן שוועסטער ???
יאָסל - אַאַאַאַ... די באָבע קאָכט זייער געשמאַק. עס איז אַ גוטע אידעע!
גאָלדע - יאָ, לאָמיר אַלע גיין צו דער באָבען. רייזל וועט זיך זייער גיך לערנען ווי אַזוי צו קאָכן.
יאָסל - גייט, גיך, גיך, גאָלדע איך וועל דיר העלפֿן דאָ אין שטוב.
מענדל - אָבער איך בין הונגעריק...